STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02430

# DER PRAKHT FUN DI YUGND

Menahem Mendl

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בעזרת השם יתברך

# גער פראכט פון די יוגנד

קלוגע רייד, פיינע אויפפיהרונגען, אינטערעסאנטע איינפאלן און וואונדערבארע ערצעהלונגען וועגן די

## יוגנד יאהרן

## פון

## גדולי ישראל

צונויפגעשטעלט און בעארבעט
פון
מנחם מנדל

צווייטער טייל

ירושלים תשל״ט

©
כל הזכויות שמורות
Copyright 1979 Jerusalem

נדפס בישראל
בדפוס "חמד", ירושלים



ישיבה אינגלאך אין פיאסעטשנע, פוילן

## רבי אברהם בורנשטיין, סאכאטשאווער רבי

# ארויסבעקומען א ברכה פון צדיק

דער סאכאטשאווער רבי, רבי אברהם זצ״ל, דער מחבר פון די ספרים אבני נזר, און אגלי טל, פלעגט שטענדיג דערצעהלן ווי אזוי ער האט אלס קינד באקומען א ברכה פון וואורקער רבין, רבי יצחק זצ״ל.

געוואוינט האבן דאמאלס זיינע עלטערן אין דער שטאדט בענדין, און זיין זיידע, רבי הענדל עליו השלום, איז געווען א וואורקער חסיד.

איינמאל איז דער וואורקער רבי פארבייגעפאהרן די שטאדט מיסלאוויץ, וואס געפינט זיך נעבן בענדין, האט רבי הענדל באשלאסן צו באזוכן דעם וואורקער רבין און מיטצו־נעהמען זיין איידעם רבי וועלוול — דער שפעטערדיגער ביאלער רב און מחבר פון ספר אגודת אזוב — און אויך זיין אייניקל אברהם, דער עילוי, וועלכער איז דאמאלס אלט געווען פינף יאהר, אבער ער האט שוין געשמ׳ט מיט זיין עילויאישקייט, חכמה און פקחות אויף וויט און ברייט.



די שוהל אין סאכאטשעוו

נאכן שלום געבן, האט ר׳ הענדל פארגעשטעלט זיינע באגלייטער אויסרופנדיג:

— דאס איז מיין איידעם ר׳ וועלוול און דאס איז זיין אינגל, מען זאגט אויף איהם אז ער איז א עילוי.

ווען דער קליינער עילוי האט געגעבן שלום דעם ווארקער רבי׳ן, האט דער רבי איהם געפרעגט:

— פארוואס גיסטו נאר מיר שלום און די אנדערע אידן נישט?

דערויף האט אברהמ׳לע געענטפערט:

— איז דען גלייך די ברכה פון א רבין צו די ברכה פון א פשוטן מענטש?

בשעת דעם געזעגענען, האט דער קליינער עילוי אויסגערופן צום ווארקער רבין:

— רבי, בענטשט מיר!

— מיט וואס זאל איך דיר בענטשן מיין קינד?

— בענטשט מיר, אז איך זאל קענען לערנען!

— נו, זאל השם יתברך געבן אז דו זאלסט פערלייכטן די וועלט מיט דיין תורה! — איז געווען די ברכה פון ווארקער רבין.

אבער דער קליינער אברהמ׳לע, דער שפעטערדיגער סאכאט־שאווער רבי, האט זיך דערמיט נישט צופרידנגעשטעלט און ער האט א זאג געטהון:

— רבי! אזוי בענטשט מען?

— ווי זשע דען בענטשט מען? — האט דער וואורקער רבי געפרעגט.

— מען לעגט ארויף די הענד אויף דעם קאפ און מען בענטשט.

דאן האט דער וואורקער רבי ארויפגעלעגט זיינע הייליגע הענד אויף דעם קאפ פון עילויאישן קינד און איהם א צווייטן מאל געבענטשט.

## רבי אברהם בורנשטיין, סאכאטשאווער רבי

געבוירן אין יאהר תקצ״ט צו זיין פאטער ר׳ זאב נחום, ביאלער רב, געוועזן דער איידעם פון קאצקער רבין, רב אין די שטעדט פארצאוו, קראשנאוויץ, נאשעלסק און דערנאך אין סאכטאשאוו. פערפאסט די ספרים „אבני נזר״ אויף ארבעה חלקי שולחן ערוך און „אגלי טל״ אויף מלאכות שבת. נסתלק געווארן כ״ה אדר תר״ע.



א חדר אין פלונסק, פוילן

## רבי אליהו חיים מייזל, לאדזשער רב

# בעסער מיט אידן אין גיהנם

דער פאטער פון רבי אליהו חיים מייזל, דער שפעטערדיגער לאדזשער רב, ר׳ משה, איז געווען א גרויסער סוחר און געהאנדלט מיט פארשידענע פריצים, וועלכע פלעגן קומען אפט צו איהם אין שטוב.

איינמאל, ווען אליהו חיים איז אינגאנצן אלט געווען פינף יאהר, האט א פריץ צוגערופן דאס קינד און איהם געפרעגט:

— זאג מיר, קליינער, א וואו ווילסטו זיין, אין גן עדן אדער אין גיהנם?

דער קליינער אליהו חיים האט זיך א ווײלע פארטראכט און דערנאך איבערגעפרעגט דעם פריץ:

— ווער געפינט זיך אין גן עדן און ווער אין גיהנום?

דער פריץ האט זיך צולאכט און געענטפערט, אז אין גן עדן זיצן נאר פריצים, דאס גיהנם איז אבער פוהל מיט אידן.

— אויב אזוי — האט דאס קינד געענטפערט — וויל איך בעסער זיין אין גיהנום מיט די אידן, איידער מיט דיר אין גן עדן.




**די מצבה פון רבי אליהו חיים מייזל**

## רבי אליהו חיים מייזל, לאדזשער רב

געבוירן געווארן אין הוראדאק ט׳ סיון תקפ״א. געלערנט אין וואלאזשינער ישיבה ביים גאון ר׳ איצעלע וואלאזשינער. אין יאהר ת״ר געווארן רב אין הוראדאק, דערנאך אין תרכ״א אין דראהיטשין, אין תרכ״ד אין פרוזשנע, אין תרכ״ז אין לאמזשע, אין תרל״ג אין לאדזש וואו ער איז געוועזן רב פערציג יאהר און זיך אויסגעצייכנט אלס איינער פון די גרעסטע עסקנים לטובת הכלל. נסתלק געווארן י״ד אייר תרע״ב.



רבי אליהו חיים מייזל

## רבי דוד משה פרידמן, טשארטקאווער רבי

# די בעסטע וועכטער

בשעת רבי דוד משה זצ״ל, דער שפעטערדיגער טשארט־קאווער רבי, איז נאך געווען א אינגל פון זיבן יאהר, האט אמאהל ארום עלף א זייגער ביינאכט אויסגעבראכן א פייער ביי זיין פאטער, דער ריזשינער רבי זצ״ל, אין הויז.

איז דער ריזשינער רבי מיט דער גאנצער הויז געזינד ארויס געגאנגען אויף דער גאס, כדי דארטן צו איבערוואַרטן ביז מען וועט דאס פייער פארלעשן.

און דערזעהן האט דאמאלס דער ריזשינער, אז עס פעהלט איהם איינער פון זיינע קינדער, דער שפעטערדיגער טשארט־קאווער, האט ער גיך געשיקט זיין משמש אין דעם צימער וואו דאס קינד האט געשלאפן, איהם אויפצוועקן און ארויסנעמען איהם אויף דער גאס.

דער משמש האט אבער געטראפן דאס קינד וואך און ווי ער ליגט זיך גאנץ רוהיג.

— הערסטו גארנישט וואס עס טהוט זיך אין הויז? — האט דער משמש איהם געפרעגט ערשטוינט.



רבי דוד משה, טשארטקאווער רבי

דאס קינד האט איהם אבער גארנישט געענטפערט. נאר צוגעלעגט דעם פינגער צו זיין מויל, זאגנדיג: „נו, נו”, — ער האט דערמיט געמיינט צו זאגן, דאס ער טאר נישט מפסיק זיין, ווייל ער האט שוין געזאגט די ברכה פון „המפיל” וואס מען זאגט ביי קריאת שמע לייענען.

האט איהם דער משמש גענומען אויף די הענד און איהם ארויסגעטראגן צום ריזשינער אויף דער גאס.

— האסטו גאר קיין מורא נישט געהאט פאר דער שריפה? — האט איהם זיין פאטער, דער ריזשינער רבי שפעטער געפרעגט.

— פארוואס האב איך עפעס געזאלט מורא האבן? — האט איהם דאס קינד געענטפערט בתמימות — איך האב דאך געהאט ארום מיין בעטל אזעלכע גוטע שומרים: מימיני מיכאל, משמאלי גבריאל, מלפני אוריאל ומאחורי רפאל, און צוקאפנס טאקע די שכינה אליין, איך בין זיכער געווען אז דאס פייער וועט נישט האבן קיין שליטה צום שלעכטן אין אונזער הויז, דעריבער האב איך נישט געוואלט מפסיק זיין.

## רבי דוד משה פרידמאן, טשארטקאווער רבי

געבוירן שבועות תקפ״ז צו זיין פאטער רבי ישראל ריזשינער. געוואוינט אין פאטא־זלאטי און שפעטער אין טשארטקאב. זיינע תורות געדרוקט אין די ספרים „בית ישראל” „כנסת ישראל” „תפארת אדם”. נסתלק געווארן הושענא רבה תרס״ד.



דעם טשארטקאווער רבינ׳ס הויף

## רבי זלמן וואלאזשינער

# מיטן סידור אין בעטל

דער גאון און צדיק רבי זעלמאלע וואלאזשינער, דער ברודער פון רבי חיים וואלאזשינער, איז שוין אלס קינד געווען באקאנט מיט זיינע פעהיגקייטן און אויסערגעוויינליכע התמדה.

ווען ער איז אלט געווארן צוויי און א האלב יאהר, האבן איהם זיינע עלטערן אריינגעגעבן אין חדר אריין, זיין רבי האט מיט איהם אנגעהויבן צו לערנען די צורת האותיות א. ב. און פון דעמאלס אן האט זיך דערוועקט אין זיין הארץ א אויסערגעוויינ־ליכער חשק צו זיין אין חדר און לערנען. ער האט דעם גאנצן טאג נישט געוואלט אהיימקומען און די מוטער האט איהם געמוזט ברענגען עסן אין חדר אריין, אזוי שטארק איז ער געווען צוגעבונדן צום חדר.

א וואו ער איז געגאנגען און געשטאנען האט ער מיט זיך מיטגעטראגן אונטער די ארימס א סדור מיט א גרויסן אלף בית, געלייענט אין איהם די צורות האותיות פון אנהויב ביז צום סוף און דערנאך דאס זעלבע איבערגעחזרט. בשעת ער איז זיך געגאנגען לעגן שלאפן, האט ער דעמאלס אויך נישט ארויס־געלאזט דעם סידור פון די הענד, ביז ער איז איינגעשלאפן.



דער ציון פון רבי שלמה זלמן פון וואלאזשין, זיין פאטער רבי יצחק
און דער גר"א אויף דעם בית עלמין אין ווילנא

אמאל איז אדורכגעפאהרן דורך וואלאזשין דער גאון הרב ר׳ אביגדור זצ״ל פון ראשזינאיי, איז ער איינגעשטאנען ביי ר׳ יצחק׳ן. אריינקומענדיג אין שטוב, האט ער באמערקט ווי דאס קינד שלאפט אין בעטל און ער האלט א סידור מיטביידע הענטלאך. האט דאס דעם רב זייער שטארק פארדראסן אויף די עלטערן און ער האט געזאגט צו זיי מיט פארדרוס:

— אזעלכע עלטערן ווי איהר, וואס איהר שמ׳ט מיט אייער צדקות און יראת שמים, זאלן ערלויבן צו בזיון הספרים? איהר האט שוין קיין נישט קיין אנדער שפילכל מיט וואס צו פאר־שפילן דאס קינד און עס איינשלעפערן, נאר מיט א סדור?

האבן איהם די עלטערן געענטפערט:

— זייט אונז נישט חושד, אז ביי אונז אין שטוב קומט פאר א בזיון הספרים, אונזער קינד איז נישט ווי אנדערע קינדער וואס מען דארף זיי פארשפילן מיט קינדערישע שפילערייען, דעם סדור דארף ער נישט האבן אלס מיטל זיך צו פארשפילן מיט איהם, נאר צו לערנען אין איהם, אלע מאל ווערט ער אנטשלאפן אין מיטן לערנען דעם „אלף בית״ און דער סדור בלייבט ביי איהם ליגן צווישן די הענטלאך.

אזוי ווי זיי האבן געהאלטן אין מיטן רעדן מיטן רב און נאך נישט באוויזן זיך צו פארענטפערן פאר איהם, האט זיך דאס קינד אויפגעכאפט פון שלאף, און גלייך געכאפט שנעל דעם סידור און געלערנט אין איהם „אלף בית״ טייטלענדיג מיט זיין פינגערל אויף די אותיות און געקושט יעדעס מאל דעם סידור.

דער רב, ר׳ אביגדור, איז געבליבן ערשטוינט, זעהענדיג אזא וואונדערבאר קינד. האט ער זיך אנגערופן צו די עלטערן:

— איהר דארפט מיר שוין נישט געבן קיין שום ענטפער אויף מיינע טענות וואס איך האב געהאט אויף אייך. איך זעה שוין יעצט וואס פאר א קינד דאס איז. וואויל צו אייך וואס איהר האט זוכה געווען צו אזא קינד.

דער רב, ר׳ אביגדור, האט דערביי ארויפגעלעגט זיינע ביידע הענד אויף דער קעפעלע פון דאס קינד און עס געבענטשט, ער האט דערביי ערקלערט, אז ער איז זיכער, אז דאס קינד וועט אויסוואקסן א גדול בישראל, וואס וועט זיין לאות ולמופת מיט זיינע טייערע און הייליגע מעשים.

## רבי זלמן וואלאזשינער

געבוירן כ״ו סיון תקט״ו צו זיין פאטער רבי יצחק אין וואלאזשין. פון זינט ער איז אלט געווען איין יאהר האט ער קיין זאך נישט גענומען אין מויל אן א ברכה. ביי פיהר און צוואנציג יאהר האט ער געקענט כל התורה כולה סיי נגלה און סיי נסתר אויף אויסנווייניג מיטן לשון ממש. ווען ער איז נאך גאר יונג געווען האט ער פערפאסט א ספר ,,לבנת הספיר״ אויף די עשר ספירות. זיין עניוות איז געווען מוראדיג. ער איז נסתלק געווארן י״ג אדר תקמ״ח אלט זייענדיג נישט מעהר ווי דריי און דרייסיג יאהר.





דער אוהל אויף דעם ציון פון רבי חיים הלבערשטאם אין צאנז

## רבי חיים הלברשטאם, צאנזער רבי

# מען דארף וויסן די געזעצן

אלט זייענדיג נישט מעהר ווי פיהר יאהר, איז דער קליינער חיימ׳ל, דער שפעטערדיגער צאנזער רבי, שוין געווען קלאהר אין אלע תרי״ג מצות און זיי געקענט אויסרעכענען אויף אויסנווייניג. נישט איינמאל, ווען מען האט איהם אויפגעוועקט פון שלאף און א פרעג געטהון אויף א מצוה ביי וואס פאר א צאהל זי רעכנט זיך, האט ער אויפן ארט נישט קיין סך טראכטנדיג, באלד געענטפערט.

— חיימ׳ל — האט מען איהם אמאל געפרעגט — פארוואס האסטו עפעס גענומען לערנען און זיך באמיהט צו זיין קלאהר אין די תרי״ג מצות, גיכער ווי א אנדער זאך?

— עס איז גאנץ פשוט — האט דער קליינער חיימ׳ל געענטפערט בתמימות — יעדער סאלדאט דארף וויסן די געזעצן און די ארדנונג פון זיין קייסער כדי ער זאל עס קענען היטן און אויספיהרן, און וויבאלד מיר אידן זענען דאך דעם אויבער־שטנס סאלדאטן, זענען מיר מחויב צו וויסן זיינע געזעצן, כדי צו וויסן ווי אזוי איהם צו פאלגן און זיך אויפפיהרן.



די שוהל אין צאנז



## רבי חיים הלברשטאם

## רבי חיים האלבערשטאם, צאנזער רבי

געבוירן אין יאהר תקנ״ג צו זיין פאטער רבי ארי׳ לייב, טארניגראדער רב. א תלמיד פון רבי נפתלי ראפשיצער, געווען רב אין רודניק און שפעטער אין צאנז זעקס און פערציג יאהר. זיינע ספרים: שו״ת „דברי חיים״ ח״ „דברי חיים״ אויף בבא מציעא, גיטין און מקואות און אויך אויף דער תורה. נסתלק געווארן כ״ה ניסן תרל״ו.



דער אוהל אויף דעם ציון פון רבי חיים הלבערשטאם אין צאנז



רבי יונתן אייבשיץ

## רבי יהונתן אייבעשיץ, אלטונא'ער רב

# א ענטפער לויט די פראגע

ווען רבי יהונתן אייבשיץ, איז נאך געווען א קינד, האט איהם אמאל איינער געפרעגט:

— ווי אזוי האט געהייסן דער קייסער פון סדום?

— ברע! — האט דער קליינער יהונתן געענטפערט אויפן ארט.

דער פרעגער, וועלכער האט זיך געוואלט א ביסל טשעפען מיטן קינד און זעהן ווי ווייט זיין פארשטאנד דערגרייכט, גיט איהם באלד א פרעג:

— עס שטעהט דאך אבער אין קטורת „מלח סדומית רבע"?

דער קליינער יהונתן איז אבער יענעם נישט געבליבן שולדיג קיין ענטפער און ער האט איהם באלד אויפן ארט געענטפערט:

— ריכטיג, אין אנהויב האט ער טאקע געהייסן „ברע", אבער דערנאך, ווען סדום האט זיך איבערגעדרעהט, האט זיך אויך דער נאהמען פון דעם קייסער איבערגעדרעהט און עס איז געווארן „רבע"...




**דער ציון פון רבי יהונתן אייבשיץ**

## רבי יהונתן אייבעשיץ, אלטונא׳ער רב

געבוירן געווארן אין יאהר ת״ק צו זיין פאטער ר׳ נתן נטע, אייבעשיצער רב, געלערנט ביים פנים מאירות און נאך. א איידעם ביים גאון ר׳ משה יצחק שפירא, פראגער רב. ביי פופצן יאהר איז ער געווארן ראש ישיבה אין בומיסלע. אין יאהר תע״ד איז ער אויפגענומען געווארן אלס דרשן און ראש ישיבה אין פראג. אין יאהר תצ״ז אלס ראש בית דין אין פראג, אין יאהר תק״א אלס רב אין מיץ. אין יאהר תק״ט אלס רב אין די דריי שטעדט אלטונא האמבורג וואנדזבעק. בעקאנט אלס גאון און צדיק הדור און זיינע ספרים אויף אלע מקצועות התורה זענען אנגענומען געווארן ביים פאלק. פון זיי: „אורים ותומים״ אויף חושן משפט. „כרתי ופלתי״ אויף יורה דעה, „בני אהובה״ אויף אבן העזר, „יערות דבש״ דרשות און נאך. נסתלק געווארן כ״א אלול תקכ״ד.



הקפות אין דער אלטער שוהל פון האמבורג



דער אריינגאנג צו דער שוהל פון האמבורג



א מארק־טאג אין שטעדטל



**רבי ישראל האגער, וויזשניצער רבי**

## רבי ישראל האגער, וויזשניצער רבי

# אין פערגלייך צום בעל עגלה

עס איז געווען אין א ווינטערדיגע נאכט, אין דרויסן האט זיך אראפגעלאזט א שלאקס רעגן און א שטורעמדיגער ווינט האט געוואיעט און צושטערט די שטילקייט פון דער נאכט.

דאס אלעס האט אבער נישט געשטערט די צוויי קליינע מתמידים, די ברידער ישראל מיט חיים, די קינדער פון רבי מענדעלע וויזשניצער, זיי זאלן אפילו איין מינוט אויפהערן צו לערנען, זיי זענען געזעסן און געלערנט מיט גרויס געשמאק און פיהל חשק.

שפעט אין דער נאכט, איז דער קליינער חיימ׳ל, דער שפעטערדיגער אנטיניער רבי, שוין געווען זייער פארמאטערט און געוואלט געהן זיך לעגן שלאפן.

רופט זיך אן צו איהם זיין ברודער׳ל, ישראל, דער שפעטער־דיגער וויזשניצער רבי:

— גיב נאר א קוק, טייערער ברודער! לאמיר זיך פארשטעלן ווי משה, דער בעל עגלה, פאהרט יעצט אויפן וועג, דער רעגן גיסט פון אויוון עמערסווייז, דער וואגן פון אונטן זינקט אין



דער וויזשניצער רבי, רבי ישראל האגער

דער בלאטע, ער הארעוועט מיט גרויס מיה ארויסצושלעפן דעם וואגן פון דער בלאטע און עס ארויספיהרן אויף דער הויפט שטראסע. וועט דען משה'ן דאן איינפאלן אפילו צו טראכטן, דאס וויבאלד ער איז אזוי אנגעשטרענגט און פארמאטערט, זאל ער זיך בעסער צושפארן א ביסל אפרוהען, דארטן אין מיטן וועג ?! און מיר, וועלכע זיצן אין א הייסן אנגעווארימטן צימער, זאלן מיר אפשטעלן דעם לערנען און זיך געהן לעגן שלאפן ?! לאמיר, ברודער לעבן, לערנען נאך א ביסל און זיך דערקוויקן דאס הארץ מיט דער הייליגער תורה.

און אזוי זענען די צוויי קליינע ברידער, געבליבן לערנען, ביז עס איז טאג געווארן.

## רבי ישראל האגער, וויזשניצער רבי

געבוירן ב' אלול תר"ך צו זיין פאטער רבי ברוך פון וויזשניץ. אין יאהר תרל"ה אלס איידעם פון רבי מאיר'ל דזשיקובער. אין יאהר תרמ"ה געווארן רב אין בידוולע, מארמראשער געגנד. אין יאהר תרמ"ח פארלאזן דאס שטעדטל צוליב א מסירה. פון יאהר תרנ"ג דער מנהיג און רבי פון די וויזשניצער חסידים. צענדליגער טויזנטער פלעגן קומען צו איהם און פועלן רפואות און ישועות. פון יאהר תרע"ה זיך באזעצט אין גראסווארדיין. נסתלק געווארן ב' סיון תרצ"ה. אין י"ג אדר תש"ט ארויפגעבראכט געווארן קיין ארץ ישראל און ער איז באהאלטן געווארן אין בני ברק.




רבי ישראל האגער, וויזשניצער רבי



דער וויזשניצער רבי, רבי ישראל האגער
מיט זיין איידעם, דער דזשיקאווער רבי



דער וויזשניצער רבי, רבי ישראל האגער



**רבי עקיבא איגר**

# רבי עקיבא איגער, פויזנער רב

## דער יונגער ראש ישיבה

נאך זייענדיג גאר יונג האט מען ביים קליינעם עקיבא, שפעטער בעקאנט אלס דער גאון רבי עקיבא איגער, געזעהן גאונישע פעהיגקייטן, אין די ערשטע יוגנד יאהרן איז ער בעיקר דערצויגן געווארן דורך זיין פאטער רבי משה גינז, וואס איז געווען א חשובער תלמיד חכם און פון זיין מוטער גיטל, וועלכע איז געווען א גרויסע מיוחסת און זיך אויס־געצייכנט אין לערנען אזוי ווי א מאנסביל.

זיינע עלטערן, זעהענדיג זיינע געוואלדיגע כשרונות, זיין אפגעהיטנקייט אין קדושה און טהרה, האבן דעריבער שטארק אכטונג געגעבן אויף איהם און זיך מיט איהם בעזונדער אפגעגעבן.

ווען דער קליינער עקיבא איז אלט געווען ווייניגער ווי דרייצן יאהר איז ער געווארן זייער שטארק פאפולער צוליב פאלגענדע מעשה:

זיין פעטער, דער ברודער פון זיין מוטער, דער גאון ר׳ וואלף איגער, האט דאן געוואוינט אין ברעסלוי ביי זיין שווער, דער ברעסלויער רב הגאון רבי יוסף תאומים, וואו



רבי עקיבא איגר

ער האט אנגעפיהרט מיט א ישיבה. האט זיך דאן אין ישיבה געמאכט זייער א הארבע קשיא וואס קיינער האט עס נישט געקענט פארענטפערן, אפילו נישט דער גרויסער גאון רבי יוסף תאומים און די גרעסטע ברעסלויער לומדים.

ווען ר׳ וואלף האט אין א געלעגנהייט געשריבן א בריוו צו זיין שוואגער רבי משה גינז, האט ער איהם אויך צוגעשריבן די קשיא, ר׳ משה האט געהארעוועט צו פארענטפערן די קשיא אבער אן ערפאלג, האט ער עס איבערגעזאגט פאר זיין קליינעם זוהן עקיבא, וועלכער האט איהם אויפן ארט געענטפערט א געוואלדיגן טיפן תירוץ.

זיין פאטער וועלכער איז געוועזן מורא׳דיג איבערראשט פון דעם טיפזיניגן תירוץ האט עס באלד אפגעשריבן און געשיקט צו זיין שוואגער ר׳ וואלף איגער.

ווען ר׳ וואלף צוזאמען מיט זיין שווער, דער גאון רבי יוסף תאומים, האבן איבערגעלייענט דעם תירוץ, זיינען זיי ארויס פון גרויס התפעלות פון דער מורא׳דיגער טיפקייט וואס אזא יונגער קינד פארמאגט.

דער איידעם מיטן שווער האבן ביידע געבעטן פון ר׳ משה׳ן ער זאל שיקן זיין אינגל עקיבא צו זיי קיין ברעסלוי, ווייל זיי ווילן זעהן מיט די אויגן דעם וואונדער־קינד, און כאטש די עלטערן האבן נישט געהאט קיין גרויסן חשק זיך צו שיידן פון אזא זעלטענעם קינד, דאך האבן זיי פארשטאנען אז פאר דעם קינד וועט זיין פיהל בעסער אין דער ברעסלויער ישיבה, וואו ער וועט קענען פיהל שטייגן אין לערנען.



דער שטוהל פון רבי עקיבא איגער

מען האט ארויסגעשיקט א קארעטע און געברענגט דעם יונגן ר׳ עקיבא קיין ברעסלוי. ווען זיין פעטער ר׳ וואלף האט געזעהן זיינע געוואלדיגע כשרונות, זיין קדושה און טהרה, איז ער געווארן אזוי בעגייסטערט, אז ער האט אליין מיט איהם באשטימט צו לערנען.

ווען רבי עקיבא איגער איז געווארן בר מצוה, האט איהם דער פעטער אריינגעפיהרט אין זיין ישיבה און אויסגערופן צו די ישיבה בחורים:

— איך האב דא געברענגט א וואונדערליכן עילוי, בשעת איך וועל נישט זיין אין דער ישיבה וועט איהר קענען מיט איהם ריידן אין לערנען.

אין דער ישיבה איז דאן געווען איינגעפיהרט, אז יעדן אנהויב זמן פלעגט דער ראש ישיבה אנגעבן פארן עולם א סוגיא, וועלכע מען פלעגט דארפן גוט דורכלערנען. עס האט גענומען עטליכע וואכן און ערשט דאן האט דער ראש ישיבה איבערגעלערנט די סוגיא מיט די תלמידים, פארענטפערט אלע שווערע שטעלן וואס זענען אויפגעבראכט געווארן דורך די ישיבה בחורים לערנענדיג די סוגיא און ער האט אויך צוגעגעבן זיינע חידושים.

ווען דער יונגער עקיבא איז אנגעקומען אין ישיבה, האט ער געבעטן מען זאל איהם זאגן וועלכע סוגיא מען לערנט איצט, כדי ער זאל לערנען צוזאמען מיט אלעמען.



רבי עקיבא איגר




דער ציון פון רבי עקיבא איגער

— עס איז שוין צו שפעט — האט דער פעטער צו איהם געזאגט — מען לערנט שוין די סוגיא אין דער ישיבה עטליכע וואכן און דער שיעור דארף שוין פארקומען, עס איז דעריבער אוממעגליך אפילו נאר אנהויבן דעם ענין.

— אבער פעטער — האט דער יונגער עקיבא געזאגט — זאגט מיר כאטש די סוגיא וואס מען לערנט יעצט, איך זאל כאטש וויסן וואו מען האלט.

דער פעטער האט איהם אנגעוויזן די סוגיא און דער יונגער עקיבא האט זיך אוועקגעזעצט און גענומען לערנען די סוגיא, נאכדעם וואס ער האט געלערנט אייניגע שעה איז ער אוועק צום פעטער און איהם געבעטן ער זאל איהם פארהערן צו ער איז צוגעגרייט צו הערן דעם שיעור צוזאמען מיט די אנדערע ישיבה בחורים. האט איהם דער פעטער געהייסן זאגן די סוגיא, ר׳ עקיבא האט באלד גענומען איבערזאגן די סוגיא מיט אלע מפרשים, די ראשונים און די אחרונים, ער האט אויך געזאגט זיינע אייגענע חידושים וואס זענען איהם נתחדש געווארן ביים לערנען.

דער פעטער איז געווארן פוהל מיט התפעלות און ער האט אויסגערופן מיט גרויס איבערראשונג צו די תלמידים:

— די סוגיא אויף וועלכן מיר הארעווען שוין עטליכע וואכן, האט דער דאזיגער יונגער אינגל דורכגעלערנט אין אייניגע שעה׳ן, אלע אונזערע חידושים זענען גארנישט קעגן זיינע און אלע אונזערע קשיות פארלירן זייער הארבקייט



רבי עקיבא איגר מיט די פויזנער דיינים

און זיי זענען גאר קיין קשיות נישט לויט זיין ערקלעהרן די סוגיא.

דער פעטער איז איהם ארויפגעפאלן אויפן האלז, איהם געקושט און געהאלזט און געמאכט די ברכה „ברוך שחלק מחכמתו", דערנאך האט ער צו איהם אויסגערופן:

— פון היינט אן און ווייטער לייג איך פאר, אז דו זאלסט זאגן די שיעורים פאר די תלמידים און אויך איך וועל געניסן פון דיין טיפן פערשטאנד און זיין קעגן דיר ווי א תלמיד פאר א רבי'ן.

## רבי עקיבא איגער, פויזנער רב

געבוירן געווארן א' דר"ח מרחשון אין יאהר תקכ"ב אין אייזנשטאדט. געלערנט ביי זיין פאטער און ביים מאטערסדארפער רב ר' נתן נטע, שפעטער געלערנט ביים פעטער ר' וואלף. נאך פאר די בר מצוה האט ער פערפאסט א ספר אויף חולין. ביי אכטצן יאהר אנגעפיהרט מיט א ישיבה אין ליסע. אין יאהר תק"ב רב אין פרידלאנד, אין יאהר תק"ע אויפגענומען געווארן אלס רב אין אייזנשטאדט. ער איז אבער פארבליבן אין פרידלאנד.אין יאהר תקע"ד רב אין פויזנא. זיינע ספרים: „שו"ת ר' עקיבא איגער" עטליכע טיילן, חידושים אויף ש"ס, משניות און שולחן ערוך. נסתלק געווארן י"ג תשרי תקצ"ח.



ישיבה בחורים אין מאקאוו, פוילן